וואס דערביי זעט מען באם אלטן רבי'ן דעם חיבור פון נגלה דתורה ופנימיות התורה:

בכלל געפינט מען בעיקר באם צ"צ חיבור נגלה דתורה ופנימיות התורה. משא"כ באם אלטן רבי'ן זיינען זיי באזונדער: ער האט געשריבן דעם שולחן ערוך אלס א באזונדער ספר און דעם ספר התניא אלס א באזונדער ספר.

אעפ"כ זעט מען אין אגה"ק ובכ"מ אז בכמה ענינים איז דער אלטער רבי מקשר נגלה דתורה און פנימיות התורה. ועד"ז זעט מען עס בענין זה – בפירוש המשנה "הכל לפי רוב המעשה", אז ער ברענגט אין אגה"ק פירוש הרמב"ם (ע"פ נגלה) און איז מקשר פירוש הרמב"ם מיט זיין פירוש ע"פ חסידות[112].

וכפי שיתבאר לקמן.

כה. בנוגע צו א הלכה אין רמב"ם הל' בית הבחירה [דאע"פ וואס לימוד שיעור היומי ברמב"ם האט א קדימה צו לימוד הל' ביהב"ח, אבער לימוד הל' ביהב"ח האט א קדימה מצד דעם וואס מ'לערנט עס שוין כמה שנים] – איז וויבאלד מ'געפינט זיך אין זמן הגלות, וועט מען זיך אפשטעלן אויף א הלכה וואס רעדט וועגן אן ענין של פגימה בביהמ"ק (ר"ל), וואס דאס איז די נתינת מקום (אין ביהמ"ק עצמו) אויף כללות ענין הגלות.

בפרק א' מהל' ביהב"ח[113] שרייבט דער רמב"ם (לאחרי ווי ער שרייבט (הי"ג) אז "המזבח אין עושין אותו אלא בנין אבנים"): "כל אבן שנפגמה כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה הרי זו פסולה לכבש ולמזבח שנאמר[114] אבנים שלמות תבנה את מזבח ה'..וכן אבני ההיכל והעזרות שלמות היו".

דערנאך שרייבט ער נאך א דין[115]: "אבני היכל ועזרות שנפגמו או שנגממו פסולין כו'". ובכלה שלאח"ז[116]: "אבן שנפגמצה או שנגע בה ברזל אחר שנבנית במזבח או בכבש אותו אבן פסולה כו'".

דארף מען פארשטיין: פארוואס זאגט ער ניט א שיעור וויפל די פגימה דארף זיין באבני המזבח אדער היכל ועזרות לאחרי שנבנה בכדי עס זאל זיין פסול – אזוי ווי ער זאגט אין דער הלכה לפנ"ז א שיעור בפגימה באבן קודם שבנו בה, "כל אבן שנפגמה כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה" איז פסול?

און אפילו אויב מ'וועט זאגן אז אין דעם איז ניטא קיין

---

112) בכ"ז – ראה גם אוה"ת על מארז"ל ועניינים ע' מא ואילך. 113) הלכה יג. 114) תבוא כז, ו. 115) הלכה טו. 116) הלכה טז.

שיעור, נאר אפילו א פגימה בכל שהוא איז פסול - דארף מען פארשטיין: פארוואס? און פארוואס זאגט ניט דער רמב"ם דאס גופא אז "אבני היכל ועזרות שנפגמו" איז פסול אפילו בפגימה כל שהיא.

כו. ויש לקשר זה מיטן היינטיקן שיעור אין רמב"ם:

אין היינטיקער שיעור רמב"ם[117] רעדט ער וועגן יין נסך [אין הלכות עבודה זרה[118] דערמאנט ער נאר וועגן דעם אין עטלעכע ווערטער; אבער עיקר ההלכות בזה זיינען אין היינטיקן שיעור בהל' מאכלות אסורות, ווייל יין נסך איז פון די מאכלות אסורות].

און גלייך בתחלתו שרייבט דער רמב"ם*[118]: "יין שנתנסך לעכו"ם אסור בהניי' והשותה ממנו כל שהוא לוקה מן התורה", און ער איז מוסיף "וכן האוכל כל שהוא מתקרובת עכו"ם מבשר או מפירות כו' האוכל מהן כל שהוא לוקה כו'"[119].

וואס אין דער הלכה איז דא א חידוש גדול:

דאס וואס יין נסך איז אסור בכל שהוא[120] איז מקורו פון משנה[121], און דער רמב"ם איז מסביר דער טעם בהלכה לאחרי זה[122] (ווי מפרשים זאגן)[123]: "יין שנתנסך לה כזבח שקרב לה, וכיון שאיסור זה משום עכו"ם הוא אין לו שיעור, שנאמר בעבודת כו"ם[124] ולא ידבק בידך מאומה מן החרם" [דאע"פ וואס דער פסוק שטייט בא עיר הנדחת, האלט דער רמב"ם אז דער ענין אין עיר הנדחת איז מכלל איסור עבודה זרה, דערפאר לערנט מען אפ פון "ולא ידבק בידך מאומה" וואס שטייט בא עיר הנדחת אז איסור ע"ז בכלל איז בכל שהוא[125]].

אבער דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז "השותה ממנו כל שהוא לוקה מן התורה"[126] איז א חידוש גדול - ווי מפרשים פרעגן[127]. ווייל דער רמב"ם אליין שרייבט ווייטער[128]: "כל איסורי מאכלות שבתורה שיעורן בכזית בינוני כו', ואסור מן התורה לאכול כל שהוא מדבר האסור, אבל אינו לוקה אלא על כזית, ואם אכל כל שהוא פחות מכשיעור מכין אותו מכת מרדות (ד.ה. ניט מן התורה נאר

---

117) פי"א-יג דהל' מאכלות אסורות. 118) פ"ז הט"ו. ועוד. *118) הל' מאכלות אסורות רפי"א. 119) וראה גם רמב"ם הל' ע"ז פ"ז הט"ו. 120) ראה גם רמב"ם שם פט"ז הכ"ח. 121) ע"ז עג, א. 122) הל' מאכלות אסורות שם ה"ב. 123) כמ"ס לרמב"ם כאן. 124) ראה יג, יח. 125) ראה גם רמב"ם הל' ע"ז פ"ז ה"ב. וראה שם הט"ו. 126) ועד"ז בהל' ע"ז שם. שם פ"ד ה"ז (גבי עיר הנדחת). 127) כס"מ שם. וראה השגות הרמב"ן לסהמ"צ מל"ת קצד. (הובא בכס"מ כאן). 128) הל' מאכלות אסורות רפי"ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

שהוא". משא"כ ע"ז אסור ב"כל שהוא" מיינט (ניט אז דאס איז א שיעור, נאר), אז בא ע"ז איז ניטא קיין שיעור, "אין לו שיעור", און אויב עפעס-וואס (כל שהוא) איז דאס אסור. ווארום בא ע"ז שטייט "ולא ידבק בידך מאומה" - וואס מיינט ניט א שיעור פון "כל שהוא", נאר פונקט פארקערט - אז ס'איז אין דעם ניטא קיין שיעור, נאר אפילו "מאומה", מלשון "מה", איז אסור.

לט. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם רמב"ם אין הל' ביהב"ח:

יש לומר אז בפגימת האבן שבמזבח זיינען פאראן צוויי דינים, א מצות עשה און א מצות לא תעשה [ע"ד ווי בא מצות שמירת המקדש (ובכמה ענינים) איז דא א מצות עשה און א מצות לא תעשה - "שמירתו מצות עשה, וביטול שמירתו מצות לא תעשה"[185]]:

א) די מצות עשה פון "אבנים שלמות תבנה את מזבח ה'"[186] [און דערפאר איז "כל אבן שנפגמה כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה הרי זו פסולה לכבש ולמזבח"]. ב) די מצות לא תעשה "ונתצתם את מזבחותם וגו' ולא תעשון כן לה' אלקיכם" [וואס דערפאר איז "הנותץ אבן אחת מן המזבח או מכל ההיכל כו' דרך השחתה לוקה"[187]]. ד.ה. בשעת ס'איז אן אבן פגום איז דאס היפך פון "ולא תעשון כן לה"א".

עפ"ז קומט אויס, וויבאלד אז "ונתצתם את מזבחותם גו'" רעדט זיך וועגן נותץ זיין די מזבחות דעבודה זרה - איז דער איסור פון "ולא תעשון כן לה"א" (בא די אבנים דמזבח לה') אן ענין פון שלילת ע"ז, אז אין ביהמ"ק ומזבח לה' זאל ניט זיין קיין נתיצה ווי בא מזבחות דע"ז.

און וויבאלד אז לויט דעם רמב"ם (בהל' מאכלות אסורות) איז איסור ע"ז בכל שהוא, לויטן (צווייטן) פירוש אין "כל שהוא" (ניט א שיעור, נאר) היפך פון שיעור, "מאומה" - קומט אויס, אז אויך דער איסור "לא תעשון כן לה' אלקיכם" איז בכל שהוא (וויבאלד ס'איז א שלילה פון "ונתצתם" די מזבחות דע"ז).

דערפון איז מובן דער חילוק צווישן די צוויי דינים הנ"ל אין פגימת האבן שבמזבח: מצד דעם ענין חיובי פון "אבנים שלמות תבנה את מזבח ה'" איז מובן אז א פגימה בזה האט א שיעור וויפל פגימה מאכט דער אבן אויס אבן שלם - "כדי שתחגור בה הציפורן

---

185) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ח ה"א וה"ג. 186) תבוא כז, ו. 187) רמב"ם שם פ"א הי"ז. וראה הל' יסודי התורה פ"ו ה"ז.

כסכין של שחיטה". משא"כ מצד דעם איסור פון "לא תעשון כן לה"א", שלילת ע"ז וואס דינו איז בכל שהוא ("מאומה") - איז מובן אז אויף דעם איז ניטא קיין שיעור, נאר א פגימה "כל שהוא", "מאומה", איז שוין אסור.

י"ל אז דערפאר שרייבט ניט דער רמב"ם דער שיעור "כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה" בנוגע צו די פגימה באבני היכל ועזרות ואבני מזבח (אין די הלכות לאח"ז) לאחרי שנבנה - ווייל די פגימה אין די אבנים וואס זיינען שוין געווארן א חלק פון היכל ומזבח האט אויך דער גדר פון "לא תעשון לה"א" (נוסף אויף דער גדר פון א חסרון אין "אבנים שלימות גו'"), און דעריבער איז ניטא קיין שיעור אין דער פגימה, ווייל אויך א פגימה "כל שהוא" ("מאומה") איז אסור מצד "לא תעשון לה"א".

און דאס איז אויך מתאים דערמיט וואס אין דער הלכה וועגן פגימה באבני היכל ועזרות (וואס האט אויך דער גדר פון "לא תעשון לה"א", דערפאר שרייבט ניט דער רמב"ם א שיעור) שרייבט דער רמב"ם אויך דער דין אז "כל אבן שנגע בה הברזל אע"פ שלא נפגמה פסולה לבנין המזבח": אין דעם איז זיכער ניט שייך קיין שיעור, עס דארף נאר זיין "נגע בה הברזל" ("אע"פ שלא נפגמה" כלום) איז דאס פסול. במילא ווייזט עס אז דא רעדט זיך וועגן אן ענין אין וועלכע ס'איז ניטא קיין שיעור - דער איסור פון "לא תעשון לה"א".

מ. דאס איז אויך פארבונדן מיט דער ענין פון "בית הבחירה":

"בית הבחירה" איז ענינו - "המקום אשר יבחר ה'"[188], ד.ה. אז דאס האט אין זיך מעלת הבחירה.

דער אמת'ער ענין פון בחירה (בחירת הקב"ה) הייסט - אז ער איז בוחר אין דער זאך ניט מצד חשיבות ומעלת הדבר מצד א חשבון ושיעור ע"פ שכל, נאר מצד בחירה חפשית, וואס איז ניט פארבונדן מיט א ספעציעלע מעלה וחשיבות בהדבר.

דערפון איז פארשטאנדיק אז דער עצם ענין פון ביהמ"ק - "בית הבחירה" - איז ניט פארבונדן מיט א שיעור, ועד"ז בצד ההיפך - א דבר וואס איז היפך ענינו פון ביהמ"ק - אבני ההיכל והמזבח שנפגמו - האט ניט קיין שיעור.

ווארום דער ענין פון א שיעור איז דוקא בשעת מ'מאכט א

---

188) ראה יב, יא.



SichosKodesh.com

חשבון ע"פ שכל און מ'איז משער אז בשעת א זאך איז כך וכך דארף מען דעמולט מאכן א ברכה אחרונה וכיו"ב, אדער מ'איז משער אז מצד דעם וואס דער זאך האט א חשיבות מסויימת איז דינו כך וכך; משא"כ מצד ענין הבחירה - איז ניטא קיין שיעור, און דעריבער: אבני ההיכל ומזבח שנפגמו - זיינען אסור בכל שהוא, אפילו א פגימה "כל שהוא", "מאומה", איז שוין היפך פון בחירת הקב"ה.

מא. ויש להוסיף בזה:

אפילו את"ל אז דער רמב"ם שרייבט ניט א שיעור בא פגימת אבני היכל ומזבח דערפאר וואס ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער שרייבט דעם שיעור אין דער הלכה שלפנ"ז - "כדי שתחגור בה הציפורן כסכין של שחיטה" - יש לפרש (בדוחק עכ"פ) אז דאס איז קיין סתירה ניט להמדובר לעיל, אז מצד "לא תעשון לה"א" און מצד "בית הבחירה" איז ניטא קיין שיעור אין דער פגימה באבני היכל ומזבח:

אויך אין "שיעור" קען מען זאגן צוויי אופנים (ע"ד די צוויי אופנים אין "כל שהוא"):

(א) א שיעור עצמי, ד.ה. אז דאס איז א שיעור בעצם.

(ב) א שיעור וואס איז ניט קיין שיעור מצ"ע, דאס איז נאר בכדי מגלה זיין א דבר שני אדער אראפנעמען אן עיכוב מדבר שני.

לדוגמא (אויף דעם צווייטן אופן בשיעור) - אין א שיעור בקדושה: בא כמה ענינים זאגט תורה אז א דבר של קדושה האט א שיעור מסויים, ניט ווייל דאס האט בעצם א שיעור, נאר ווייל תורה האט משער געווען אז פון לעו"ז, פון "יצרו אונסו", האט זיך אנגעקליבן כך וכך, דעריבער דארף מען האבן א מספר פון כך וכך ניצוצי קדושה בכדי אראפנעמען און מבטל זיין דעם עיכוב פון "יצרו אונסו". ד.ה. אז דער שיעור אין דעם דבר שבקדושה איז נאר בכדי צו מגלה זיין א צווייטע זאך - וויפל איז דא אין לעו"ז, און צו מבטל זיין א צווייטע זאך - דעם "יצרו אונסו", אבער בעצם הענין איז ניטא קיין שיעור צו דער דבר שבקדושה.

עד"ז אין א שיעור בהיפך הקדושה: "יצרו אונסו" איז בעצם (באיכות) אן קיין שיעור. נאר בכדי צו מגלה זיין ווי גרויס איז די פגימה היפך פון רצון ה' - טוט זיך דאס אָן אין א כמות מסויים (פון "יצרו"), א שיעור מסויים בהיפך הקדושה.

[אין אנדערע ווערטער: דער כמות (השיעור) איז נאר צו מגלה זיין איכות, און ניט א כמות מצ"ע. וואס דאס איז פארבונדן עם

הנחת הת' בלתי מוגה